# משיחת חג השבועות תשל״ד

ח. מ׳זוכט דאך צו מקשר זיין יעדער ענין (צי דאס האט יע א שייכות בעצם צי ניט כו׳) ועד"ז אויך בנוגע דעם ענין פון קרבת אלקים לי טוב, איז פריער איז דא דער ענין ווי דאס איז פאר זיך - לי טוב, און דורך דעם קומט דאס דערנאך אראפ אין "מחסי לספר כל מלאכותיך", אז מ׳דערציילט דאס אויך צו א צווייטער, וואס דאס איז שייך ערשט דערנאך וואס ס׳איז דא דער קרבת אלקים לי טוב, און יעמאלט קומט דאס אראפ אין לספר כל מלאכותיך,

איז כאן המקום, אויף צו רעדן אן ענין אלס השתתפותי אין דעם כינוס תורה וואס וועט מארגן זיין, און מ׳איז דאך רגיל זיך משתתף זיין אין דעם כינוס, וועט מען ריידן אן ענין מענינא דיומא,

וואס אין תורה בכלל איז דאך דער סדר אז פריער קומט קרבת אלקים לי טוב, וואס דאס איז בשעת ער לערנט תורה פאר זיך, וואס יעמאלט ווערט ער מיוחד מיט תורתו של הקב"ה, וואס עס ווערט דער יחוד פון שכל מושכל און משכיל, און זיי ווערן איין זאך, און ווי דער לשון אין תניא, דער יודע און מדע, איז בשעת לימוד התורה ווערט א איד מיוחד מיט חכמתו של הקב"ה, וואס הוא וחכמתו ורצונו הכל א׳, וואס דאס איז דער קרבת אלקים לי טוב, ווי דאס איז אין לימוד התורה,

דערנאך איז דא דער ענין פון לספר כל מלאכותיך, וואס דאס איז ווי ער לערנט מיט א זולת, אדער ווי דער לימוד קומט אראפ אין מעשה, וואס יעמאלט ווערט דער לספר כל מלאכותיך, אבער דער ענין פון קרבת אלקים ווערט ע"י לימוד התורה, וואס דורך דעם איז אותי אתם לוקחים, און ווי דער משל וואס דער מדרש ברענגט וועגן א מלך וואס האט חתונה געמאכט זיין טאכטער און ער געפינט זיך שטענטיג

און אזוי איז דאס אויך בנוגע צו תורה וכמא׳ אנא נפשי כתבית יהבית", וואס איינער פון די פירושים בזה איז, אז דער אויבערשטער זאגט אז ער האט זיך ארייין געשריבן אין תורה, און דורך לימוד התורה נעמט מען אים יתׄ׳ וואס דאס הויבט זיך אן מיט קרבת אלקים לי טוב, וואס ער ווערט איין זאך מיטן נותן התורה,

וואס עד"ז איז אויך געווען ביי דער ערשטער וואס האט געלערנט תורה מיט אידן - משה רבנו, וואס בתחלה האט דער אויבערשטער געלערנט מיט משה, דערנאך האט ער דאס געלערנט פאר זיך, און דערנאך האט ער דאס געלערנט מיט אלע אידן (ווי דער סדר וואס ס׳איז געווען אין דעם (וואס סדר אין תורה איז אויך תורה) אז פריער האט ער געלערנט מיט אהרן, דערנאך מיט אהרן׳ס קינדער וכו׳),

וואס דאס איז דער סדר כנ"ל, אז פריער איז דא דער קרבת אלקים לי טוב, און דערנאך דער לספר כל מלאכותיך,

וואס דאס איז אויך דער ענין וואס איז פארבונדן מיט דעם כינוס תורה: דער רמב"ם זאגט אין הל׳ יסודי התורה, איז איינער פון די עיקרי הדת איז די אמונה אז "הא-ל מנבא את בני האדם", און ער איז ממשיך דארט בארוכה אז נבואת משה רבנו ע"ה איז געווען העכער און אויסגעטיילט פון אלע אנדערע נביאים און ווי ער איז דארט מחלק אז דאס איז דער ענין פון אספקלרי׳ המאירה, און דאס איז אספקלרי׳ שאינה מאירה וכו׳,



הנחה פרטית בלתי מוגה

דערנאך, אין א פרק מיוחד שרייבט דער רמב"ם, אז דאס וואס מיר גלויבן אין משה, איז דאס ניט מצד די אותות ומופתים וואס משה האט געוויזן, נאר די אמונה קומט מצד מ"ת, וואס יעמאלט איז "עינינו ראו ולא זר, ואזנינו שמעו ולא אחר וכו'", אז דער אויבערשטער האט געגעבן תורה דורך משה,

און אין פ"ג שרייבט ווייטער דער רמב"ם, אז ס'איז א דבר ברור אז תורה וועט ניט נשתנה ווערן, און עס קען ניט זיין קיין גרעון אדער הוספה אין תורה, און ער זאגט דארט דעם לשון בנוגע צו תורה, אז דאס איז "נבואותו של משה", וואס מצד דעם דארף מען מברר זיין, לכאורה, וואס איז די שייכות פון תורה צו נבואה,

צי מ'זאל זאגן אז תורה איז א דרגא אין נבואה, און ע"ד ווי דער רמב"ם איז מחלק אין דעם פרק שלאחרי זה אז א נביא טאר ניט מחדש זיין א נייער זאך (נביא אסור לחדש דבר), וואס אויף דעם איז מספיק (חסר)

אבער וויבאלד אז דער רמב"ם זאגט דאס אין א באזונדערן פרק, און עס איז דאך ידוע אז אפילו די חילוקי הפרקים וכו' זיינען נחלק געווארן דורכן רמב"ם, איז וויבאלד אז דער ענין שטייט אין א פרק בפ"ע איז א הוכחה אז דאס איז א באזונדער ענין, און דאס האט ניט קיין שייכות מיט דעם ענין פון נבואתו של משה,

למאי נפק"מ אויב דער ענין תורתו של משה איז אויך א ענין פון נבואה צי ניט? איז מבאר דער ראגאטשאווער, אז די נפק"מ וועט זיין לגבי איינער וואס האט עובר געווען אויף א ציווי וואס ער האט געהערט פון משה: אויב דאס איז א ענין פון תורה, און דאס האט ניט קיין שייכות צו נבואה, איז ער חייב מערניט ווי דער עונש וואס עס קומט פאר יענעם חטא עפ"י תורה, אויב מ'וועט אבער זאגן אז דאס איז א ענין פון נבואת משה, האט ער יעמאלט א דין ווי א עובר על דברי נביא, וואס לגבי אן עובר על דברי נביא איז קיין נפק"מ ניט צי דאס איז א ענין קל אדער אן ענין חמור, און דער עונש איז אלעמאל מיתה בידי שמים, איז אויב מ'וועט זאגן אז בשעת מ'הערט א ציווי פון משה איז דאס שומע מפי הנביא, איז אויב מ'האט עובר געווען אויף דעם ציווי איז דער עונש מיתה בידי שמים,

און מ'געפינט דאך בכמה מקומות אז בשעת אידן האבן עובר געווען אויף א ציווי וואס זיי האבן געהערט פון משה, איז דער עונש ניט געווען ווי דער עונש פון א עובר על דברי נביא,

- לכאורה וואלט מען געקענט פרעגן די זעלבע שאלה אויך איצטער בזמן הזה: בשעת מ'איז עובר אויף א ציווי אין תורה, צי דאס האט א דין פון א עובר על דברי נביא צי ניט, אבער באמת איז די שאלה ניט נוגע בזמן הזה, ווארום דער כלל אז העובר על דברי נביא איז חייב מיתה בידי שמים איז נאר בשעת מ'האט דאס געהערט פון דעם נביא אליין, משא"כ אויב מ'האט דאס געהערט ע"י מתורגמן, איז במילא בנוגע איצטער קיין שאלה ניט; די שאלה שטעלט זיך אבער בנוגע דעם דור המדבר, וואס זיי האבן דאך געהערט די אלע ציוויים פון משה'ן אליין, צי דאס האט א דין פון עובר על דברי נביא,

און דאס וואס מ'געפינט ביי מעשה העגל אז ס'איז געווען דער עונש פון מיתה בידי שמים אפילו אויף אזעלכע עבירות וואס דער עונש איז מערניט ווי מלקות, און עס שטייט דער ביאור אויף דערויף אז דאס איז מצד וואס העובר על דברי נביא איז חייב מיתה בידי שמים, און אידן האבן דאך געהערט דעם ציווי אויף ע"ז פון משה וואס דאס איז געווען א ענין פון נבואה, איז אעפ"כ געפינט מען כמה ענינים אין תורה און אין מדרשי חז"ל וואו דער עונש איז ניט געווען מיתה בידי שמים, ווי דער דין ביי עובר על דברי נביא,



הנחה פרטית בלתי מוגה

איז דער ביאור בזה: דער דין פון שומע מפי הנביא גייט אן נאר בשעת ער הערט פון נביא אליין, וכנ"ל, וואס פון דעם איז פארשטאנדיק אז ס'איז שייך אז דער נביא זאל ווערן א מתורגמן פאר זיך אליין, וואס אזוי איז געווען ביי משה - פריער, זייענדיק בהר האט ער געהערט די נבואה, און דערנאך בשעת ער איז אראפ מהר סיני און האט איבערגעגעבן אידן דאס וואס ער האט געהערט, איז דאס געווען א ענין פון מתורגמן, וואס משה האט דערציילט און געגעבן אידן צו פארשטיין דאס וואס ער האט געהערט בהר בשעת די נבואה,

וואס דאס איז בנוגע צו כל התורה כולה, משא"כ בנוגע צו דעם ציווי אויף ע"ז האט דאס געהאט א דין פון שומע מפי הנביא, וואס דאס איז ווי די גמרא זאגט אז תורה איז בגימטריא תרי"א, און דער טעם ע"ז איז ווייל די צוויי דברות פון אנכי און לא יהי' לך איז "מפני הגבורה שמענום", וואס דאס איז דאך געווען בשעת די עשרת הדברות, וואס בדבור אחד נאמרו, שאין האזן יכול לשמוע האט מען געדארפט אנקומען צו משה אז ער זאל מפרש זיין די צוויי דברות פאר אלע אידן,

וואס ס'איז פאראן איין שיטה אז משה האט זיי מפרש געווען <u>בשעת מעשה</u>, ד.ה. בשעת די עשרת הדברות, משא"כ די אנדערע דברות האט ער מפרש געווען ערשט שפעטער,

קומט דאך אויס אז די צוויי ציוויים פון אנכי ולא יהי' לך (די ציוויים אויף ע"ז) האבן אידן געהערט פון משה בשעת די עשרת הדברות, וואס דאס איז געווען בשעת הנבואה, און פון אויבערשטן האבן זיי געהערט מערניט ווי דער קול אליין (מפי הגבורה שמענום), און משה האט זיי איבערגעגעבן די ווערטער, איז במילא בשעת אידן האבן דערנאך עובר געווען אויף דעם ציווי פון ע"ז האט דאס געהאט א דין פון עובר על דברי נביא,

משא"כ לגבי אלע אנדערע איסורים אין תורה, איז ניטא דער ענין פון עובר על דברי נביא, און דער טעם אויף דעם איז, ווארום די אנדערע דברות האבן אידן געהערט פון משה ערשט שפעטער, נאך די עשרת הדברות, ווען משה האט זיי געגעבן צו פארשטיין די דברות, ובמילא האט דאס א דין פון א שומע מפי המתורגמן, וכנ"ל,

וואס בנוגע צו תורה זאגט מען דאך אז "התורה הזאת לא תהי' מוחלפת לעולם", משא"כ לגבי נבואה זאגט מען אז א נביא קען זאגן אן ענין וואס איז נאר לפי שעה, און אדרבה: בשעת א נביא גיט איבער א נבואה וואס איז פארבונדן מיט תורה ומצוות איז <u>מערניט</u> ווי לפי שעה (ביז וואנעט מ'זאגט אז אויב דער נביא וויל עפעס משנה זיין אין תורה אין אן אופן קבוע, איז דאס א ראי' אז ער איז א נביא שקר),

וואס פון דעם זעט מען דעם חילוק פון תורה ביז נבואה: דער ענין פון תורה איז נאר אין אן אופן פון תורה זו לא תהא מוחלפת כו', וואס דאס איז דער היפך פון שינויים וכו', משא"כ דער ענין פון נבואה איז דוקא לפי שעה און ניט אויף שטענדיג, וואס אין דעם באשטייט די מעלה פון תורה אויף נבואה, וואס תורה איז א ענין נצחי, און נבואה איז א ענין וואס איז דוקא לפי שעה.

און דא ווערט די שאלה: בשעת ס'איז דא איין ענין וואס איז העכער פון א צווייטער ענין, צי מ'זאגט אז דער ענין נעלה איז אין זיך כולל דעם נידעריקערער ענין; צי מ'זאגט אז דאס ווערט א מציאות חדשה לגמרי?

ולדוגמא: צי א כהן גדול האט אין זיך אויך די ענינים פון א כהן הדיוט צי ניט, וואס דאס זעט מען פון דעם דין אז אויב דער כהן גדול איז נתמנה געווארן צו זיין א כה"ג אידער ער איז געווען א כהן הדיוט, דארף ער ברענגען א מנחה סיי אלס א כה"ג און סיי אלס א כהן הדיוט,

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

ועד"ז בנוגע א טלית וואס האט ה' כנפות, שטעלט זיך די שאלה: צי מ'זאגט אז דאס האט א דין פון א נייע מציאות און במילא איז דער טלית פטור פון ציצית; צי מ'זאגט אז דאס הייסט א טלית פון ארבע כנפות נאר ס'איז דא נאך א כנף, ד.ה. אז די ה' כנפות זיינען כולל די פיר כנפות, וואס יעמאלט איז דער טלית חייב בציצית,

און עד"ז בנוגע א ס"ת, וואס דער דין איז אז בשעת עס פעלט א יריעה איז די גאנצע ס"ת פסול און מ'קען אין איר ניט לייענען בציבור, אבער איין חומש וואס איז געשריבן געווארן אויף א כשר'ן קלף, איז הגם אז דאס ניט מער ווי איין חומש, מעג מען אין איר לייענען בציבור,

ווערט די שאלה, אויב א ס"ת וואס עס פעלט אין איר א יריעה אין איין חומש, צי מ'קען אין איר לייענען פון יענעם חומש וואו עס פעלט ניט קיין יריעות? ד.ה. אז די שאלה איז צי א ס"ת איז מורכב פון פינף ספרים (וואס יעמאלט וואלט מען ניט געקענט לייענען פון איר, אפילו פון די חומשים וואו עס פעלט ניט), אדער מ'זאגט אז א ס"ת איז א נייע מציאות (ובמילא מעג מען לייענען עכ"פ פון יענע חומשים וואס זיינען גאנצע),

און די זעלבע שאלה שטעלט זיך בנוגע צו תורה, וכנ"ל: תורה איז דאך העכער פון נבואה (וואָרום תורה איז א ענין נצחי כנ"ל), איז במילא ווערט די שאלה: צי מ'זאגט אז תורה איז מורכב פון דרגות פון נבואה, ד.ה. אז תורה איז כולל אין זיך די אלע דרגות פון נבואה, פון די נידעריגסטע דרגות ביז די העכסטע, נאר תורה האט אין זיך אויך א העכערן ענין (וואס אויב מ'זאל אזוי זאגן קומט דאך אויס אז דער וואס איז עובר אויף א ציווי אין תורה קומט אויך דער עונש פון א עובר על דברי נביא, וואָרום תורה איז אין זיך כולל אויך דער ענין פון נבואה); אדער מ!זאגט אז תורה איז א נייע מציאות וואס איז לגמרי העכער פון דעם גאנצן ענין פון נבואה (וואס יעמאלט קומט אויס אז העובר על דברי תורה איז ניטא קיין ענין פון עובר על דברי נביא),

וואס איז דער ביאור אין דעם וואס מ'זאגט אז מצד העברה על דברי נביא קומט א עונש וואס איז מער חמור ווי דער עונש אויף דברי תורה? איז דאס פארשטאנדיק ע"פ המבואר בכ"מ אז חמורים דברי סופרים יותר מדברי תורה, און דברי סופרים צריכים חיזוק יותר מדברי תורה, איז עד"ז בנוגע צו דברי נביא, זאגט מען אז דער עונש איז מיתה בידי שמים, וואס דאס איז מער חמור ווי דער עונש פון דברי תורה,

וואס ע"פ כל הנ"ל איז פארשטאנדיק פארוואס דער רמב"ם שרייבט דער ענין וואס תורה איז נבואתו של משה אין א פרק בפ"ע, וואָרום דער ענין פון תורה איז העכער לגמרי פון דעם ענין פון נבואה (כנ"ל וואָרום תורה איז א ענין נצחי, וואס "לא תהי' מוחלפת וכו'", און ס'איז דבר ה' וואס אין דעם איז ניט שייך קיין גרעון כו'), און וויבאלד אז תורה איז העכער פון נבואה שרייבט דאס דער רמב"ם אין א באזונדערן פרק,

וואס די מעלה פון תורה אויף נבואה געפינט מען אויך ווי דאס איז אין אותיות פון קבלה: עס שטייט אז נבואה איז אין נצח און הוד, און תורה איז ספירת התפארת, וואס דער חילוק צווישן זיי איז, אז נו"ה זיינען לבר מגופא, משא"כ תפארת איז גופא, וואס "לבר מגופא" הייסט אז דאס איז א ענין וואס איז שייך צו א זולת, און דערפאר איז דארט שייך דער ענין פון שינויים; משא"כ תפארת (און חכמה עלאה) איז דארט ניט שייך קיינע שינויים, און ביז מ'זאגט אז דאס איז חכמתו של הקב"ה, און הקב"ה וחכמתו איז דאך כולא חד, איז פונקט ווי ס'איז ניט שייך קיינע שינויים אין דעם אויבערשטן אליין ח"ו, וואס "אני ה' לא שניתי", איז עד"ז ניט שייך קיינע שינויים אין זיין חכמה,

און ביז מ'זאגט אז נבואתו של משה איז געווען אין אן אופן פון אספקלרי'



הנחה פרטית בלתי מוגה

המאירה, משא"כ תורה איז דאך "כה דברי כאש",

און ווי עס שטייט אין פרד"א, אז דער טעם פארוואס עס שטייט "לאמר" ביי מ"ת איז מצד דעם וואס בשעת א איד לערנט תורה איז הקב"ה קורא ושונה כנגדו, וואס דער כח אויף דעם נעמט זיך פון מ"ת, און דערפאר שטייט "לאמר" (וואס ס'איז דאך ניט שייך צו זאגן אז "לאמר" מיינט מען כפשוטו, אז משה זאל דאס איבערזאגן צו אידן, ווארום אלע אידן האבן דאך געהערט די עשה"ד צוזאמען מיט משה).

ויהי רצון אז מ'זאל לערנען תורה אן דאגות און מתוך הרחבה, ווארום תורה איז דאך געגעבן געווארן צו אוכלי המן, און עס זאל זיין דער כל מלאכתך עשוי!, וואס לכו"ע איז דאך בשבת ניתנה תורה, און דער לימוד זאל זיין אין אזא אופן אויך בימי החול,

און עס זאל זיין א לימוד המביא לידי מעשה, וואס דאס וועט פועל'ן און אויפטאן ביאת משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו ובקרוב ממש.

משיחת ש״פ נשא תשל״ד

וכאן המקום לסיים בנוגע למה שדובר בשבועות בקשר לרמב"ם שמדבר בנוגע למעלת התורה שהתורה הזאת לא תהי' מוחלפת בלי שינויים, ובהמשך למעלת נבואת משה על כל שאר הנביאים, מבאר ענין התורה שהיא למעלה ג"כ מנבואת משה, ודובר השאלה ע"ז אם תורה כוללת ג"כ ענין נבואת משה, והנפק"מ בזה שהרי ישנו הענין דהעובר על דברי נביא חייב מיתה בידי שמים, ואמר שתורה כוללת ענין נבואת משה א"כ צ"ל שבכל המצוות יהי' עונש של מיתה בידי שמים, מצד הענין שזהו נבואת משה, והעובר על דברי נביא חייב מיתה בידי שמים.

ושאלו ע"ז אח"כ כמה שאלות וכרגיל שעל א קלאץ קשיא כאפט מען זיך ניט, שלכאורה א"מ מהי השאלה שיהי' חייב על כל התורה מיתה בידי שמים מצד שעובר על דברי נביא, בד"א שחייב מיתה בידי שמים דוקא שזהו סתם נבואה והוא עבר ע"ז, אבל כאן בנבואה עצמה נאמר שאם עברו ע"ז אז ישנו לאו, ומספיק עונש מלקות וכו', וא"כ נאמר בנבואה עצמה שאין עונש של מיתה בידי שמים (למי שעובר על נבואה זו) וא"כ

מהי השאלה בכלל, והביאור ע"ז שהרי ידוע שמה שעובר על דברי נביא חייב מיתה בידי שמים, זה רק כששומע מפי הנביא בעצמו ולא מפי מתורגמן, ולכן יש חילוק בין דור משה שהם שמעו מפי הנביא בעצמו, לבין שאר הדורות שהם שומעים מפי מתורגמן, במילא יש סברא לומר שמה שכתוב בתורה עונשים של מלקות וכו', זה בנוגע לדורות הבאים שאצלם אין הענין ששומע מפי נביא עצמו אלא מפי מתורגמן, אבל בדור של משה ששמעו מפי הנביא עצמו ע"ז השאלה אם יש להם דין עובר על דברי נביא וחייבים מיתה בידי שמים.

ונתבאר בנוגע לעובר על דברי נביא גופא שיש חילוק אם הוא שומע מהנביא בעת הנבואה ממש, שאז זה נקרא שומע מפי נביא, לבין אם הוא שומע מהנביא לא בעת הנבואה, שהנביא מספר שהיתה לו נבואה שאז נקרא הנביא מתורגמן לגבי עצמו, במילא לגבי כל התורה אז לא שייך הענין של עובר על דברי נביא, היות ולא שמעו מפי משה בעת הנבואה, אלא רק בנוגע לשתי הדברות הראשונות אנכי ולא יהי' לך, שזהו הציווי על ע"ז, שיש בזה ב' דעות דיעה אחת שהם שמעו רק קול בלי אותיות, ומשה פרס להם את שתי הדברות הראשונות בשעת מעשה, - היינו בעת הנבואה, ואז זה נקרא עובר על דברי נביא - ושאר הדברות פרס להם אח"כ, ולכן אח"כ בנוגע לעגל, הגיע להם מיתה בידי שמים מכיון שזהו היתה עבירה על הציווי אנכי הו"א, ולא יהי' לך שציווים אלו שמעו מפי משה בתור נביא, וממילא, התחייבו מצד העובר על דברי נביא.

ואת זה אפשר לקשר עם מה שהגמ' מביאה שני דיעות בנוגע ל"גפיף ונשיק" האם נתחייבו ע"ז מיתה בידי שמים, או לא, וזה תלוי במחלוקת האם משה פירש מיד את "אנכי הו"א" בתור נביא, ואז גם ב"גפיף ונשיק" יתחייבו מיתה, או שזה שמשה רבינו פירש הי' אח"כ וממילא זה לא בגדר העובר על דברי נביא, ולכן לדעתם על "גפיף ונשיק" לא היה מיתה ביד"ש.

ועפי"ז יובן ג"כ מה שמוצאים ברמב"ם ב' לשונות בזה, פעם אחת אומר מכחיש נבואתו של משה, ופעם אחת אומר מכחיש ענין התורה, שפעם מדבר על נבואה ופעם מדבר על תורה, והביאור בזה הוא, שהרי ידוע שיש מעלה בחכמה (תורה) על נבואה, ויש מעלה בנבואה על תורה (וחכמה), שהרי אומרים חכם עדיף מנביא, שחכם זה נעלה יותר, ומצד שני אומרים שמשחרב בית המקדש ניטלה נבואה, אבל חכמה נשאר שזהו מצד המעלה בנבואה על חכמה, והיינו שמעלת החכמה (תורה) היא הבנה והשגה, שעי"ז יכול להשיג דרגות עליונות יותר, משא"כ ע"י נביא אז זה רק בדרגות פחותות יותר, ולאידך גיסא יש מעלה בנבואה לגבי תורה, אע"פ שבתורה משיג בדרגות נעלות יותר, והוא מעלת הראי', שבנבואה יש ענין ראי' בגילוי, ומצד מעלתה זו היא למעלה מתורה.

ולכן איפה ששייך ענין של נבואה, מדגיש הרמב"ם בלשון נבואה מצד מעלת הנבואה, שהיא הגילוי, ולכן לגבי ע"ז שבע"ז הי' ענין של נבואה כנ"ל, מביא הרמב"ם הלשון מכחיש נבואתו של משה, מצד מעלת הגילוי שבנבואה, ועד"ז כשמדובר בנוגע למעלת משה נאמנות במשה, וגם בך יאמינו לעולם, שזה נפעל במעמד הר סיני, ששם הי' ענין של גילוי עינינו ראו וגו', שזהו ענין הנבואה, גם שם מביא הרמב"ם את הלשון נבואה מצד מעלתה, ועד"ז כשהוציא מים מן הסלע שהי' בתור נבואה, משא"כ בנוגע לשאר מצוות שאין בהם ענין נבואתו של משה, מביא רק הענין של תורה, כי בהם זה לא ענין של נבואה, שזהו הביאור בחסידות החילוק בין ממוצע מתורגמן המפסיק לבין ממוצע מהתורגמן המחבר, אנכי עומד בין ה' אלוקיכם וביניכם, שעד"ז בנגלה זה החילוק בין נביא בעת הנבואה לכמו שהיא לאחר הנבואה, (נ.א. שזהו החילוק בין אם משה דיבר בשעת הנבואה או רק אח"כ).

והנה עניני התורה הם נצחיים, ולכאורה למאי נפק"מ עכשיו הענין הזה, והביאור ע"ד תורת הבעש"ט במקום שרצונו של אדם שם הוא נמצא, ולכן אם הוא רוצה להתעלות ולהגיע לדרגא כזו, שלימוד התורה אצלו יהי' באופן של נבואה, שזה למעלה

הנחה פרטית בלתי מוגה

מתורה סתם, אז במקום שרצונו של האדם שם הוא נמצא, והוא יכול להגיע לדרגא כזו, מכיון שכאשר רצונו להגיע לדרגת התורה כמו שהיא באופן של נבואה אזי הוא מתחבר עם משה רבינו שהוא ממוצע המחבר, ועי"ז הוא מקבל את התורה באופן של נבואה שזו הדרגא הנעלית ביותר שבתוכה, ובפרט כשהוא צובראכען מזה שאינו בדרגא כזו של נבואה, וע"ד המעשה שר' אייזל כתב פתק לצ"צ שיאמר לפניו חסידות, מכיון שזה נוגע לו בנפש שיהי' מאמר חסידות.

ואע"פ שלכאורה זה לאחרי חורבן ביהמ"ק, ונטלה נבואה, מ"מ יכול להגיע לזה, ע"ד שאומרים שרפים עומדים ממעל לו, מצד שרצונם הוא להיות ממעל לו, לכן באמת יכולים לעמוד ממעל לו, עד"ז ביהודי שאע"פ שמצד השתלשלות אין ביהמ"ק ואין נבואה, מ"מ מצד זה שבמקום שרצונו וכו' אז הוא יכול לעמוד בדרגא שלמעלה מסדר השתלשלות.

ואפי' שהוא במצב כזה שהוא עוד לא לומד תורה מ"מ מצד זה שיודע שיכול להגיע לענינים אלו, זה פועל עליו שהוא עוסק בלימד התורה, ומעמיק בלימוד התורה ומקיים המצוות ועד ד"בכל דרכיך דעהו", ועד שבא לדרגא של ראי' מוחשית שהרי מעין זה כבר הי' לעולמים בשעת מ"ת, ועד שיקויים היעוד ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר ובראי' מוחשית ממש כי פי' הוי' דיבר.